בעזהשי"ת | גליון ח' חודש סיון תשפ"ו לפ"ק

# וברכת

בענין גודל מעלת ברכת המזון

ברכה מרובה | דבר המערכת

## דער אופן וויאזוי אברהם אבינו האט מקרב געווען די מענטשן פון זיין דור צום אויבערשטן

**טאטע, מיר דאנקען דיר!** טאטע אין הימל, מיר לויבן דיר אויף דיינע חסדים, וואס דו האסט אונז געגעבן די זכי' ארויסצוגעבן דא שוין דעם אכטן גליון פון "וברכת", ווען יעדער נומער איז באגלייט מיט אזויפיל סייעתא דשמיא און עס ווערט מקויים וואס מיר בעטן טאקע אין ברכת המזון "ונמצא חן ושכל טוב", דער אינהאלט זאל האבן א חן ביים ציבור, אדער אין היינטיגן שפראך - מען זאל זיך קענען "קאנעקטן" דערצו, עס זאל רעדן צום הארצן.

עס גלייבט זיך נישט, נאר עס איז נאך אפילו נישט אריבער איין יאר זינט מען האט אנגעהויבן ארויסצוגעבן דאס בלעטל, און עס ווערט ב"ה באגלייט מיט אזא הצלחה און סייעתא דשמיא! עס גייט נישט אריבער קיין טאג וואס מיר הערן נישט צוריק פון צענדליגער אריינרופער, אנשים נשים וטף, די באגייסטערטע אפרופן, ווי דער גליון האט אריינגעברענגט ביי זיי אן ענדערונג אינעם ברכת המזון. באזונדערס הערן מיר פון מנהלי המוסדות, ישיבות, תלמוד תורה'ס און בתי חינוך וואס פארטיילן דעם גליון פאר די תלמידים, ווי דאס נטילת ידים און ברכת המזון איז געווארן א התנהגות וואס מען לעבט דערמיט!

ועל הכל, אויף דעם אלעם, אויף דער גרויסער סייעתא דשמיא אויף טריט און שריט, ה' אלקינו אנחנו מודים לך ומברכים אותך, יתברך שמך בפי כל חי תמיד לעולם ועד. און מיר בעטן א תפלה אויף סייעתא דשמיא און פיל הצלחה אויף ווייטער.

אט איז אן אפרוף וואס איינער א לייענער האט איבערגעלאזט אין דער רעדאקציע: "מען האט נאר-וואס געפראוועט דעם יום טוב שבועות, מקבל געווען די תורה, אריין פונדאסניי תחת כנפי השכינה. יעדער איד, ווען עס קומט אזא צייט ווי קבלת התורה, זוכט ער עפעס גוטע קבלות אין וואס זיך מחזק צו זיין, אין לימוד התורה און קיום המצוות, און נאכדעם וואס מען האט זיך אונטערגענומען די אלע גוטע זאכן, האפט מען אז מען וועט באווייזן עס אויסצופירן בפועל.

א גוטע עצה מצליח צו זיין אין די אלע קבלות טובות, איז מיטצונעמען אויף ברכת המזון צוזאמען מיט די אנדערע גוטע קבלות. פארוואס פונקט ברכת המזון? ווייל אזוי האט אונז אויסגעלערנט אברהם אבינו ע"ה, וואס ער איז געווען דער ערשטער און גרעסטער מחזיר בתשובה אין זיינע צייטן; ער האט געמאכט אז גויים, געווענע עובדי עבודה זרה, זאלן אנערקענען דעם איינציגן ג-ט פון דער וועלט, זיך דערנענטערן צום באשעפער און אנהייבן זיך פירן ערליך.

ווי אזוי האט אברהם אבינו דאס געטון? וואס זענען געווען זיינע שטארק-ווירקזאמע קירוב-מעטאדן? דאס איז געווען ברכת המזון. ווי דער מדרש זאגט, אז אברהם אבינו האט געגעבן פאר די מענטשן צו עסן און צו טרינקען, און ווען זיי האבן אים געוואלט אפדאנקען, האט ער זיי געזאגט, "נישט מיר זאלט איר דאנקען, נאר דאנקט דעם באשעפער פון דער וועלט!" און מיט'ן ברכת המזון נאכ'ן עסן האט ער מקרב געווען די מענטשן פון זיין דור צום אויבערשטן. ער האט מצליח געווען מיט'ן קירוב-פראיעקט, און זיינע בעלי-תשובות האבן זיך גוט געהאלטן, ווי די תורה הקדושה זאגט עדות "ואת הנפש אשר עשו בחרן", דאס »




### בענטשן מיט צוגעמאכטע אויגן

**שאלה:** **איך זע אסאך געשריבן אינעם גליון וועגן דער גרויסקייט פון בענטשן אינעווייניג. וואס איז אויב איינער בענטשט געווענליך מיט צוגעמאכטע אויגן. צי איז נאך אלץ בעסער אז ער זאל בענטשן אינעווייניג ווי איידער אויסווייניג מיט פארמאכטע אויגן?**

**תשובה:** דער עיקר איז, בענטשן מיט כוונה. אויב איינער בענטשט מיט מער כוונה מיט צוגעמאכטע אויגן, זאל ער אזוי טון. אסאך צדיקים האבן זיך געפירט אזוי, צו בענטשן מיט צוגעמאכטע אויגן.

אזוי ווערט אויך געברענגט פונעם אריה"ק, אז כאטש ער האט דאס גאנצע דאווענען געדאווענט פון אינעווייניג, אבער שמונה עשרה האט ער געדאווענט מיט פארמאכטע אויגן צו קענען האבן מער כוונה.

עס איז מערקווירדיג צוצולייגן: ווי באוואוסט, פלעגט דער סקווירער רבי זי"ע אנזאגן די בחורים אז זיי זאלן דאווענען אינעווייניג. איינמאל האט א בחור אנגעפרעגט, וואס איז ביי שמונה עשרה, אויב ער קען בעסער אינזין האבן ווען ער דאווענט אויף אויסווייניג מיט פארמאכטע אויגן, צי ער זאל אזוי טון. האט דער רבי אים געענטפערט, אז ער זאל דאווענען ווי עס קומט אים אויס דאס בעסטע אינזין צו האבן, און אויב ער דאווענט מיט מער כוונה מיט צוגעמאכטע אויגן, זאל ער אזוי טון.

### חיוב פון מים אחרונים פאר פרויען

**שאלה:** **צי דארפן אויך פרויען זיך וואשן מים אחרונים?**

המשך אויף עמוד ו'




סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות זהירות בנטילת ידים וברכת המזון כראוי

# "געטון צוויי שידוכים אן קיין פרוטה, און געטאנצן ביי די חתונות אן קיין חובות"

**לכבוד "וברכת",**

איך וויל אייך דערציילן צוויי זאכן וואס זענען געשען ביי אונזער משפחה. ערשטנס, איך האב אין א האלבן יאר חתונה געמאכט צוויי קינדער ב"ה. מען דארף קיינעם נישט דערציילן וואס עס מיינט חתונה מאכן און וויפיל עס קאסט אפ. ווער עס איז נישט אויף דער נגיד'ישער זייט מוטשעט זיך ביים חתונה מאכן, און אפילו ווען מען וויל און מען פרובירט צו שפארן ביז'ן מינימום, קאסט דאס אויך אפ א הון תועפות. ווי אזוי קען איינער וואס ארבעט שווער זיך צו דעקן חודש'ליך באצאלן נאך א חתונה אויך, און ווער רעדט נאך צוויי מאל חתונה מאכן?

זעקס חדשים צוריק, ווען איך האב זיך ארומגעזען אין א מצב פון "אין בידי פרוטה לפורטה", פשוטו כמשמעו, ממש אן א פרוטה אין טאש, האב איך זיך אראפגעזעצט מיט די קינדער און געזאגט, "קינדערלעך טייערע! עס קומען גרויסע צייטן, מען גייט בעז"ה חתונה מאכן. עס קאסט אסאך געלט, אבער מיר האבן א גרויסן באשעפער, ער האט געגוג און ער האט אונז אויך אנטפלעקט דעם סוד און געגעבן דעם שליסל צו עפענען זיינע אוצרות - דאס איז דורך ברכת המזון!

"קינדערלעך טייערע!" האב איך געזאגט. "ווער עס וויל ארויסהעלפן מיט דער חתונה - איך דארף נישט קיין סאך הילף, נאר די איינע זאך, מען זאל בענטשן ווי עס דארף צו זיין יעדן טאג, לויבן דעם אויבערשטן און אים בעטן אויף ווייטער, און אזוי ארום וועלן מיר עפענען בעז"ה די שערי פרנסה, עס זאל זיין בהרחבה אויף די טעגליכע געברויכן און אויף הוצאות החתונה."

ווער וויל דען נישט העלפן א טאטן? האבן די קינדער זיך אלע מקבל געווען אז מען וועט בענטשן יעדן טאג ערליך פון אינעווייניג הויך אויפ'ן קול און , אינזין האבן דעם טייטש פון די ווערטער.

יעצט, טייערע אידן, וועל איך זיך שפארן צו דערציילן דאס גאנצע השתלשלות פון די פארלאפענע חדשים; איך וויל אייך נאר זאגן די "אונטערשטע שורה": מיר שטייען יעצט דא, חודש סיון, זעקס חדשים שפעטער, און איך האב ב"ה חתונה געמאכט ביידע קינדער, געטאנצן אויף צוויי חתונות און - הערט גוט - איך האב נישט קיין פעני חובות! וועט איר פרעגן, ווי אזוי? איז דער ענטפער, בזכות ברכת המזון פון דער גאנצער משפחה, טאטע-מאמע מיט די געטרייע קינדער, וואס מיר אלע האבן זיך צוגעכאפט דערצו. דאס איז די תשובה אויף דער קשיא, און מער פון דעם איז נישטא וואס מוסיף צו זיין און איז גארנישט נוגע למעשה.

◇◇◇◇

און יעצט די צווייטע זאך: באלד נאך שבועות דעם יאר, האט מיין ברודער וואס וואוינט אין אן אנדער שטאט און האט נישט קיין איבעריג געלט, מיר דערציילט אז ער גרייט זיך בעז"ה צו מאכן בר מצוה. ער האט האט נישט קיין געלט אפילו אויף די מלבושים, האט ער אנגערופן איינעם, א נגיד'ישן איד בעטן הילף, אבער יענער האט איידעלערהייט אפגעזאגט זיין בקשה. "וואס טו איך דא?" פרעגט ער מיר.

"דו ווייסט וואס," זאג איך אים, "ברכת המזון! דאס האט אין זיך אלע ברכות. איך האב לעצטנס געזען געדרוקט א מעשה אינעם גליון 'וברכת'. א איד האט געדארפט עפעס ספעציעלע מצה און דאס נישט געקענט טרעפן, האט ער אינזין געהאט ביי 'ואל יחסר לנו מזון' ביים בענטשן און איז געהאלפן געווארן. ברודער טייערער!" זאג איך אים, "א שטיקל ברויט האסטו? גיי, נעם א שטיקל ברויט, וואש זיך און האב אינזין, זאלסט האבן אויף בר-מצוה קליידער."

אביסל שפעטער רופט ער מיר אן און דערציילט בשמחה רבה: "איך האב געטון ווי דו האסט מיר גע'עצה'ט. איך האב זיך געוואשן, און אויך מיין זון האט אזוי געטון. עס גייט אריבער נישט מער ווי איין שעה צייט, און דער טעלעפאן קלינגט - עס איז נישט קיין אנדערער ווי דער וואס האט מיר פריער אנטזאגט, און איך הער פון אים גאר אן אנדער שפראך: 'גיי, קויף פאר דיין זון אלע בגדים וואס ער דארף,' זאגט ער מיר, 'און נישט נאר וואס דו האסט מיר פריער געבעטן, נאר איך וועל דיר באצאלן אסאך מער. קויף אים אויך א הערליכע תפילין-בייטל אויף מיינע קאסטן.' אזוי האט ער אויסגערעכנט נאך פארשידענע זאכן - א סך-הכל פון דריי מאל אזויפיל ווי איך האב אים געהאט געבעטן. פריער האט ער געזאגט אז ער קען דאס נישט יעצט באווייזן, און יעצט האט ער פון זיך אליין געדריטלט זיין נתינה.

"עס זעט אפשר אויס ווי א חידוש," פירט אויס מיין טייערער ברודער, "אבער באמת איז עס נישט. פריער האט מען געהאלטן פאר 'ואל יחסר לנו מזון', און יעצט האלט מען נאך א ווארעמען בענטשן. אז מען בעט ביים גרויסן טאטן, גיט ער אוודאי בשפע." ■

המשך אויף עמוד ו'

## ברכה מרובה | דבר המערכת

זענען די אלע וועמען אברהם אבינו האט מקרב געווען תחת כנפי השכינה.

אז פון געצנדינערישע גוים האבן דורך א בענטשן געקענט ווערן עובדי ה' - איז אוודאי אזוי א איד וואס איז שוין אן עובד ה', אז דאס ברענגט אים פיל נענטער צו השי"ת. יעצט, נאכדעם וואס מיר האבן נאכאמאל געזאגט "נעשה ונשמע" און גענומען אויף זיך די קבלות טובות - אויב וועלן מיר צולייגן אויף ברכת המזון צום פארטפעל, וועט דאס אונז געוויס געבן דעם כוח צו קענען אויספירן דאס אלעס הלכה למעשה.

אזוי זאגט מען נאך פונעם רבי'ן ר' בונם פון פשיסחא: **א ברכת המזון וואס א איד בענטשט מיט כוונה, איז בכוח אים איבערצודרייען צום גוטן.**

לאמיר זיך מחזק זיין אין דער מצוה און זיין פון די ערליכע אידן חובבי מצוות וואס זענען מקיים די מצוות ה' ווי עס דארף צו זיין, און זוכה זיין צו אלע גוטע ברכות און השפעות. ■



# שיעור המעלות

שיעור ח' **מים אחרונים**

פון די הערליכע טעגליכע 'שיעורי ברכת המזון' פון הרה"ג ר' אברהם מרדכי מלאך שליט"א

## „גד'ל, עס ווי א איד" - האט מיר דער רבי, דער „בית ישראל", געזאגט

**נו, טייערע אידן! מיר זענען ווידעראמאל דא אויף א שיעור אין ברכת המזון. מיר האבן נאך צו רעדן וועגן מים אחרונים, און עס איז אפשר נאך דא אסאך צו רעדן איבער דעם, אבער צוערשט לאמיר דא דערציילן א שיינע מעשה, וואס עס האט דערציילט דער צדיק און גאון רבי גד'ל אייזנער זצ"ל.**

ער האט דערציילט אזוי:

איך האב געהאט די זכי' אז דער **„בית ישראל" זצ"ל** האט מיר אסאך גערופן צו קומען עסן ביי אים די סעודה פרייטאג צו-נאכטס. א וואך וואס ער האט מיר גערופן, האב איך שוין פון פרייטאג צופרי ממש געפאסט, ווייל דער רבי פלעגט מכבד זיין ביי דער סעודה מיט גאר-גרויסע פארציעס, און אויך האט ער מקפיד געווען אז מען זאל גארנישט קיין עסן אוועקווארפן. איך האב בטבע נישט געדארפט עסן קיין סאך, דערפאר האב איך א גאנצן טאג כמעט נישט געגעסן כדי איך זאל קענען עסן ביינאכט ביי דער סעודה.

אין פרייטאג צו-נאכטס, בין איך געווארן שטארק זאט שוין ביי די פיש, אזוי אז איך האב קוים מיט שוועריגקייט דערנאך אויפגעגעסן די זופ. איך האב געוואוסט אז דאס פלייש וועט שוין גיין זייער שווער, האב איך געטראכט אז מיט'ן פלייש גופא וועל איך זיך נאך ווי-עס-איז אן עצה געבן, אבער צוצועסן חלה צום פלייש, דאס וועל איך מער נישט קענען.

ווי קומט טאקע חלה מיט פלייש? איז דער ענטפער, אז אין פוילן האט מען מקפיד געווען צוצועסן ברויט מיט'ן פלייש כדי עס זאל נישט זיין קיין "אכילה גסה". אבער אין א פאל וואס איך בין שוין זאט, האב איך דאך נישט קיין ברירה, וועל איך מוזן ארויסלאזן די חלה.

ווען דער בית ישראל האט דאס באמערקט, האט ער זיך אנגערופן צו מיר: **„גד'ל, עס ווי א איד!"** דער עולם האט נישט פארשטאנען דעם באדייט, אבער איך האב פארשטאנען און צוגעגעסן א שטיקל חלה. זעענדיג ווי דער עולם איז נייגעריג און וויל פארשטיין וואס עס האט פאסירט, האט דער בית ישראל זיך אנגערופן און געזאגט:

„איך האב זיך דערמאנט א שיין ווארט אויפ'ן פסוק די וואך אין דער סדרה - עס איז געווען פרשת בחקותי - **'ואכלתם לחמכם לשובע'**, און ווי רש"י ערקלערט, אז מען וועט עסן נאר אביסל און זאט ווערן דערפון.

„'דארף מען פארשטיין, וואספארא ברכה איז דאס דען? גייט א איד און קויפט זיך איין פון אלעם גוטן, פלייש און פיש, בשר ודגים וכל מטעמים, און קוים עסט ער אביסל ברויט, איז ער שוין זאט און קען נישט עסן מער...

„נאר דער פשט קען זיין אזוי," האט דער בית ישראל ערקלערט. "איינדערהיים, אין פוילן, איז געווען א גרויסער חילוק ביים אנגרייטן א סעודה צווישן אן עושר און אן ארעמאן. דער



רבי גד'ל אייזנער זצ"ל

ארעמאן האט דאך קוים געהאט פיש און פלייש, נו, וואס האט ער געטון? האט ער געקויפט אסאך חלה וואס דאס קאסט ווייניג, און ווען עס איז געקומען צו די פיש האט ער אראפגעלייגט אסאך חלה מיט פיש-זאפט אויפ'ן טיש, און מען האט געגעסן טונקען און מען איז זאט געווארן שוין ביי דער חלה. פיש האט ער געברענגט נאר א קליין שטיקל, עס זאל זיין גענוג פאר יעדן. דערנאך, ווען עס איז געקומען צום פלייש, האט ער ווידער געטון דאס זעלבע. ער האט אריינגעברענגט אסאך חלה מיט פלייש-זאפט און מען האט אנגעהויבן טונקען די חלה, און דאן האט מען געגעבן א קליין שטיקל פלייש אויף יוצא צו זיין.

„ביים עושר, ווידער, איז די סעודה צוגעגאנגען אנדערש; די וואס האבן געגעסן ביי אים די סעודה, האבן שוין געוואוסט אז מען וועט זיך קענען זעטיגן שוין פון די פיש אליין, האט מען געגעסן א קליינעם שיעור חלה אויף צו יוצא זיין, לאזנדיג פלאץ פאר די פיש וואס איז געווען בריווח, און נאך די פיש האט מען געוואוסט אז באלד קומט דאס פלייש, און עס וועט זיין געבראטנס און גיין א רויך... און מען האט זיך טאקע גוט געזעטיגט מיט'ן פלייש אויך. שפעטער, ווען מען האט שוין געהאלטן ביים בענטשן, האט מען זיך ערשט געכאפט אז מען האט געגעסן קוים עפעס חלה, און ווער זאגט אז דאס איז גענוג אויף צו בענטשן בכלל? האט מען דאן צוגעגעסן א שטיקל חלה אויף צום בענטשן.

„זאגט די תורה - האט דער בית ישראל אויסגעפירט - **איר וועט האבן אסאך ברכה און שפע, און אלע וועלן זיין ווי די עשירים און זיך זעטיגן מיט'ן פיש און פלייש אליין**, נישט מיט דער חלה ווי די ארעמעלייט, אזוי אז ביים סוף סעודה וועט מען זיך דערמאנען צו גיין זוכן חלה צום בענטשן..."

אזוי האט דער בית ישראל געזאגט א ווערטל פאר רבי גד'ל און די חסידים. און אויב מעג איך, אני הקטן אברהם מרדכי מלאך, צולייגן א געדאנק וואס איז נוגע צו אונזערע היינטיגע צייטן... היינט זענען מיר, ברוך ה', אין א בחינה פון "וירא שמים יוצא ידי כולם"; מיר זענען יוצא ביידע שיטות: מען עסט פיש און פלייש צו דער זעט, און מיר באווייזן אויך זיך צו זעטיגן מיט חלה און "דיפס" ממינים שונים, אז עס איז א נחת! היינט, אז מען קומט צו א שבת-סעודה, דארפן מיר פשוט אכטונג געבן נישט דערטרונקען צו ווערן אין די אלע טונקעכצער.

רבותי! מען פארגינט אונז די זאטקייט, קיינער וועט אונז נישט אוועקנעמען נישט די פיש און נישט די חלה - אבער לאמיר געדענקען ווער עס גיט אונז אט-די שפע, און לאמיר אים זאגן "יישר כח!" **"כאכילתכם כן עבודתכם"** - לאמיר נישט בלייבן פארזונקען אינעם טעלער, נאר זאט ווערנדיג פונעם עסן, לאמיר אראפלייגן א זאפטיגע ברכת המזון, און זוכה זיין צו נאך פיל שפע.

## דורך גיסן מים אחרונים ווערט מען אנגערופן א קדוש

לאמיר צוריקגיין דא צו מים אחרונים און דערציילן וועגן דער קדושה וואס מים אחרונים לאזט אויפ'ן מענטש. נאר צוערשט א מעשה, וואס האט פאסירט מיט'ן **הייליגער שינאווער רב זי"ע.**

# ואכלת ושבעת וברכת

אמאל איז געקומען א איד צום שינאווער רב און געבעטן אז דער רב זאל שרייבן א בריוו מיט א בקשה פאר זיינעטוועגן צו אן אנדער רבי'ן. דער שינאווער רב האט אים געענטפערט, אוודאי, זייער גערן, ער וועט אים דאס צוליב טון, און ער האט זיך געזעצט שרייבן דעם בריוו. נאר דא האט ער זיך דערזען אין א שטיקל פארלעגנהייט.

דער שינאווער רב האט גע'שמ'ט אומעטום מיט זיין מדת האמת. יעדעס ווארט וואס ער האט געזאגט אדער געשריבן איז געווען אויסגערעכנט און אויסגעהאלטן, אז עס זאל זיין ריכטיג, אן קיין שום איבערטרייבונגען. דא האט ער געוואלט שרייבן אויף דעם רבי'ן צו וועמען ער האט אדרעסירט דעם בריוו דעם טיטל "הרה"ק" (הרב הקדוש), נאר דאן האט ער אנגעהויבן טראכטן צו זיך, אז עס זעט אפשר אויס עפעס ווי חנופה צו שרייבן די כבוד-טיטלען. פון דער אנדערער זייט, זאל ער נישט שרייבן, קען דער רבי אפשר האבן חלישות הדעת דערפון. איז וואס טוט מען?...

זיצנדיג אזוי פארטראכט אין די געדאנקען, איז מיטאמאל אריינגעקומען דער זון, **דער סטראפקאווער רבי זצ"ל**. זעענדיג ווי דער טאטע קען זיך נישט ארויסזען פון דעם פלאנטער, האט ער זיך אנגערופן, "טאטע! חז"ל זאגן אונז אז דאס פעטס ארום דעם 'גיד הנשה' איז אייגנטליך מותר, נאר 'ישראל קדושים הם' און 'נהגו בו איסור' (מען האט זיך נוהג געווען אן איסור דערמיט). איך זאג דיר, טאטע, אויף אט-דעם רבי'ן אז קיין פעטס ארום דעם גיד הנשה עסט ער נישט - קענסטו רואיג שרייבן אויף אים 'הקדוש'!"

**וואס האט דאס אלץ אהער צו מים אחרונים?**

איז הערט די קומענדיגע מעשה, וואס איז געווען אויך ביים שינאווער רב.

איינמאל האט דער שינאווער רב געגעבן א הסכמה פאר א געוויסן בעל-מחבר אויף זיין ספר, און אט זעט ער ווי העכער דער חתימה האט דער איד געשריבן אז דאס איז א הסכמה פון "הגאון הקדוש משינאווא". עס האט דעם שינאווער רב זייער פארדראסן, און ער האט פארגעהאלטן דעם בעל-מחבר: "אזוי שרייבסטו אויף מיר? אזא טיטל 'הקדוש', וואס מען האט געשריבן אויף רבי יהודה הנשיא?!"

אביסל שפעטער איז געקומען צום שינאווער **רב הגאון ר' אהרן ווייס זצ"ל, דער ברודער פונעם "אמרי יוסף"**, און ער האט געזען ווי דער שינאווער רב האט געהאלטן פאר'ן זיך וואשן צו א סעודה און האט דורכגעלערנט הלכות נטילת ידים. שפעטער פאר'ן בענטשן, האט

המשך אויף עמוד ה'




## ברכת המזון ברענגט ישוב הדעת

**לכבוד "וברכת",**

לכבוד דער חשוב'ער רעדאקציע פון "וברכת",

יישר כחכם אויף אייער הייליגער ארבעט! איך שרייבט אסאך איבער דער גרויסער סגולה פון ברכת המזון און די הצלחות און גוטע געשעפטן וואס עס ברענגט, וויל איך דערציילן דא פון אייגענער ערפארונג, א ישועה וואס איך האב געהאט דורכ'ן בענטשן.

איך פלעג אמאל זיך נישט וואשן משבת לשבת, אבער זינט מען שרייבט דערוועגן האב איך זיך איינגעפירט זיך צו וואשן יעדן טאג צו ברויט און בענטשן, און איך קען אייך נישט ארויסברענגען גענוג אין ווערטער וואספארא ישועה איך האב דערפון. היינטיגע טעג דארף מען מתפלל זיין "הושענא נפש מבהלה!" אלעס לויפט און יאגט, און אז מען נעמט זיך די פאר מינוט צו בענטשן געהעריג, הייבט זיך אן דער טאג מיט ישוב הדעת: איך לייג אוועק דעם סעלפאן - יעצט רעד איך צום אויבערשטן! - און דאס איז שוין פאר מיר א דערמאנונג אויף אלעם וואס איך וועל טון דורכ'ן טאג, אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט וואס ער פירט אלעס, און מיר טוען סך-הכל השתדלות און גארנישט מער. די רעזולטאטן וואס קומען ארויס, האבן גארנישט קיין שום שייכות מיט אונז און מיט אונזערע מעשים. עס איז בלויז דער רבוש"ע אליין, "הוא נותן לחם לכל בשר... ומכין מזון לכל בריותיו", ער גיט אונז צו עסן און אלעס וואס מיר דארפן. אט-די מחשבות גיבן מיר אריין א געוואלדיגע רואיגקייט אין טאג.

עס ווערט דערציילט, אז אין די אלטע צייטן פלעגן אידן גיין אין מארק פארקויפן דארט זייערע פראדוקטן און פארדינען. איינמאל איז א איד געקומען אין מארק און מיטגעברענגט מיט זיך א זעקל געלט וואס ער האט זיך געהאט אנגעבארגט ביי משפחה און פריינט איינצוקויפן און מאכן געשעפטן. אזוי שטייענדיג אין מארק, כאפט ער זיך פלוצלינג אז דאס פעקל מיט געלט פעלט אים. פון גרויס פארלוירנקייט האט ער אנגעהויבן שרייען מיט קולי-קולות; מען האט פרובירט אים בארואיגן, אבער עס האט זיך נישט איינגעגעבן און ער האט אוועקגע'חלש'ט אויפ'ן ארט. מען האט אים דערמינטערט, אבער ער האט ווידער גע'חלש'ט.

דער הייליגער באדיטשעווער רב זי"ע איז גראד דארט אריבערגעגאנגען, און זעענדיג וואס עס קומט פאר, האט ער זיך דערנענטערט צו דעם איד און אים א זאג געטון, "איר דארפט נישט זארגן. איך

המשך אויף עמוד ה'



# ברכת שמים

בליצן און טרעפליכע
מאמרים דורך די
חשוב'ע לומדי הגליון

המשך פון עמוד ד'

האב פאר אייך א גוטע בשורה - דאס געלט איז דא, איך האב עס געפונען!"

"נו, גיט אהער," זאגט דער איד מיט אפגעשוואכטע כוחות. "איך וועל אייך געבן דאס געלט," זאגט אים דער בארדיטשעווער, "נאר ערשט קומט מיר צו אריבער צו מיר אין שטוב זיך דערכאפן דאס הארץ, ווייל איר זעט אויס שטארק הונגעריג, און ווי-נאר איר וועט עסן עפעס געהעריג און בענטשן, וועל איך אייך דאן אפגעבן די אבידה."

דער איד האט זיך געלאזט איבעררעדן און איז געגאנגען מיט'ן בארדיטשעווער רב און האט זיך אוועקגעזעצט עסן. אזוי אינמיטן עסן, טאנצט ער פלוצלינג אויף און שרייט, "איך האב דאס געלט! איך האב זיך דערמאנט וואו איך האב עס געלייגט..."

ווען ער האט געפרעגט דעם הייליגן בארדיטשעווער רב, וואס עס איז געווען זיין כוונה, ווען ער האט אים געזאגט אז ער האט דאס געלט, וואס ער אליין האט פאקטיש ערגעץ אוועקגעלייגט, האט דער בארדיטשעווער רב אים ערקלערט: "איך האב געזען אויף דיר, אז דו האסט פארלוירן נישט נאר דיין געלט, נאר אויך דעם ישוב הדעת. דערפאר האב איך דיר געוואלט צום אלעם ערשטן צוריקברענגען די רואיגקייט, און אז דו האסט דאס שוין געהאט, האסטו זיך אליין דערמאנט וואו עס ליגט דאס געלט."

ברכת המזון, ווען מען האט אינזין די ווערטער וואס מען זאגט ארויס פון מויל, איז א שיעור אין אמונה. עס גיט אריין אין מענטש א רואיגקייט אויף יעצט און אויפ'ן טאג, און אויף שטענדיג. עס ברענגט צוריק ישוב הדעת, און אז עס איז דא ישוב הדעת - איז אלעס דא.

ש. י. גרינפעלד - מאנסי

◇◇◇◇

## א געשמאקן און חיות אינעם בענטשען

**לכבוד "וברכת",**

שלום וברכה, דא רעדט א מלמד פון א חדר.

איך וויל אויסדרוקן א טיפן דאנק פאר די געוואלדיגע ארבעט וואס איר טוט אין 'מערכת וברכת' במשך די לעצטע תקופה, און בפרט פאר די הערליכע בענטשערס וואס אונזער חדר האט באקומען דורך אייך.

מען זעט ממש א ספעציעלע התלהבות ביי די קינדערלעך, און דעם געשמאק און חיות מיט וואס זיי בענטשען. עס איז נישט קיין ספק אז דאס וועט איבערלאזן א שטארקן רושם אויף זיי אויף שפעטער ווען זיי וועלן אויפוואקסן, זיי וועלן נעמען דעם ענין פון ברכת המזון פיל מער ערנסט, און אזוי וועט דאס אויך אריבערגיין צו די קומענדיגע דורות.

א באזונדערע יישר כח פאר די הערליכע גליונות וואס איר גיבט ארויס; איך ווארט דערויף יעדע וואך און איך נוץ די מעשיות איבערצודערציילן פאר די קינדער אין חדר, וואס דאס מאכט א געוואלדיגן רושם. יישר כחכם, כה לחי, און גייט ווייטער אן מיט אייערע שיינע פעולות מיט גרויס הצלחה

- ט. ג. קליין

## לחן ולחסד

### אל יחסרנו- חסדים גלויים

**"ומכל טוב לעולם אל יחסרנו"**

שטעלט זיך א קשיא: אין "וכל טוב" ליגט דאך שוין אלעס, און וואס דארף מען נאך צולייגן "אל יחסרנו"? נאר עס קען אפשר זיין דער תירוץ, אז אלעס וואס דער אויבערשטער טוט איז גוט, און מיר גלייבן דערין באמונה שלימה. מיר האבן אבער פליישיגע אויגן און זעען דאס נישט אלעמאל, בעטן מיר "ומכל טוב", עס זאל זיין אזא גוטס אז "אל יחסרנו", מיר זאלן זען אז עס פעלט אונז גארנישט, עס זאלן זיין חסדים גלויים און אן אפענע שפע וואס מיר זאלן זען קלאר מיט די אויגן.

(מהרי"ץ דושינסקי)

## שיעור המעלות

המשך פון עמוד ד'

דער שינאווער רב געלערנט הלכות מים אחרונים. ער האט געפרעגט דעם שינאווער רב, צי ער טוט אזוי פאר יעדער סעודה, האט דער שינאווער רב געזאגט אז יא, און האט אים ערקלערט: "לעצטנס שרייבט מען אויף מיר 'רבינו הקדוש'. איך וויל נישט מכשיל זיין אנדערע און זיי אפנארן. נו, אויפ'ן וואסער וואס מען וואשט זיך צו דער סעודה און אויף מים אחרונים, זאגן חז"ל **'והתקדשתם - אלו מים ראשונים**, והייתם קדושים גייט ארויף אויף מים אחרונים'. האב איך כאטש דא עפעס, וואס חז"ל באשטעטיגן אז מען ווערט דערמיט אנגערופן 'קדוש'."

טייערע אידן! מיר זענען נישט אויף דער געהויבענער מדריגה אין אמת ווי דער שינאווער רב, צו דאגה'ן און זיך ערגערן אויף די טיטלען און שבחים וואס מען שרייבט אויף אונז. כבוד-טיטלען ווארפט מען היינט אויף יעדן איינעם בהרחבה; אבער אז מען וויל זיין הייליג, זעען מיר די פשוט'ע און באשטעטיגטע עצה וואס מאכט אונז זיין באמת הייליג, אן קיין הוילע פראזעס און נישט-געדעקטע שיר-המעלות'ן - זיך וואשן צו ברויט, וואשן מים ראשונים און מים אחרונים, "והתקדשתם - והייתם קדושים".

און לאמיר גיין נאך אביסל טיפער. עס זענען היינטע זמנים אזעלכע, וואס מען פלאגט זיך אזויפיל מיט חינוך הבנים והבנות, ווי באקאנט ביי יעדן איינעם וואס טוט נאר אין חינוך. מען זוכט משפיע צו זיין קדושה אויף די קינדער. טייערע אידן! עס איז גרינג דאס אויסצופירן. ברענגט אריין ברכת המזון אין שטוב; און נישט נאר שבת, ווייל די ברענענדיגע נסיונות גייען אן יעדן טאג, און דערפאר דארף זיין דאס נטילת ידים צו דער סעודה, און דער מים אחרונים פאר'ן בענטשן, יעדן טאג - און אזוי וועט איר אריינברענגען קדושה אין שטוב און אין די הערצער פון די יונגע נפשות. ■

צו הערן די הערליכע טעגליכע 'שיעורי ברכת המזון' פון הרה"ג ר' אברהם מרדכי מלאך שליט"א
רופט מכון אלמדה: **718.820.7720**

# על הניסים

המשך פון עמוד ב'

## "איך ווייס נישט פארוואס, אבער עס ציעט מיר דיך צו נעמען פאר דער שטעלע"

**לכבוד דער חשוב'ער רעדאקציע פון "וברכת",**

פאלגנד איז א מעשה וואס האט פאסירט מיט מיר אין זכות פון ברכת המזון:

איך האב זיך אסאך געמוטשעט מיט פרנסה וואס איז מיר געגאנגען גאר שווער. איך בין, ברוך ה', נישט קיין פוילער און כ'האב געטון דאס ריכטיגע השתדלות. עס שטייט אין "חובת הלבבות", אז מען זאל נעמען אויף זיך צו טון אן ארבעט וואס דאס הארץ ציט דערצו, האב איך אסאך ארומגערופן אויפ'ן טעלעפאן פאר א געוויסע סארט באשעפטיגונג וואס איך האב געפילט און געוואוסט ביי זיך אז איך בין טויגליך דערצו. עס איז א שווערערע עקאנאמיע יעצט, און עס זענען דא אסאך וואס זוכן ארבעט צו טון, נאר עס מאכט זיך נישט אזוי גרינג, און אויך ביי מיר האט זיך דערווייל נישט אויסגעארבעט און נישט געמאכט די געלעגנהייט וואס איך האב געוואלט.

פארגאנגענעם שביעי של פסח, וואס איז א יום המסוגל, בין איך אריינגעקומען אין א בית המדרש און געטראפן דארט דעם גליון "וברכת". איך האב עס אהיימגענומען מיט זיך, און שפעטער האב איך געלייענט דערין וועגן אידן וואס זענען געהאלפן געווארן מיט פרנסה אין זכות פון התחזקות אין מצות ברכת המזון.

אין אט-דעם הייליגן טאג וואס איז מסוגל אויף פרנסה, האבן די ווערטער געטראפן א וועג צו מיר אין הארץ אריין, און איך האב געטראכט צו מיר, נו, אזויפיל אידן זענען זיך מחזק אין ברכת המזון, לאמיר זיך אויך מחזק זיין דערין. נישט אז איך פלעג נישט ביז יעצט בענטשן, אבער עס איז געווען געבענטשט נישט מיט'ן פולסטן הידור, און אסאך מאל פלעג איך בענטשן אן דעם הוט און רעקל.

איך האב זיך פארגענומען, אז פון היינט און ווייטער וועל איך בענטשן מיט מער כוונה, און אויך וועל איך זיך וואשן אויף המוציא אנשטאט עסן מזונות-ברויט און מאכן "בורא מיני מזונות" אויף ברויטן וואס זענען פארבונדן מיט אזויפיל שאלות. עס איז דאך נישט אזוי לאנג צוריק געווען פסח, ווען מען פירט זיך מיט אזויפיל הידורים און חומרות, און פארוואס זאל איך א גאנץ יאר זיך אריינלאזן אין שאלות.

דערביי האב איך געבעטן א תפילה צום באשעפער, אז בזכות פונעם התחזקות אין ברכת המזון זאל איך זען א שינוי לטובה אין דער פרנסה, און איך האב צוגעלייגט, אז אויב וועל איך זען א ישועה וועל איך עס בעזרת ה' מפרסם זיין ברבים.

ווי געזאגט, איז דאס געווען שביעי של פסח. דעם קומענדיגן זונטאג נאך פסח, האב איך געטראכט אז יעצט אז איך האלט נאכ'ן מאכן אזא קבלה, לאמיר טון עפעס השתדלות. איך האב גערופן צו איינעם וועם איך האב פריער שוין אסאך מאל פרובירט כאפן, אבער ער הייבט שווער אויף דעם טעלעפאן. יעצט האט ער אויפגעהויבן ביים צווייטן קלונג, און איך האב אנגעהויבן רעדן מיט אים. ער האט מיר געבעטן אריבערצוקומען צו אים אויף א זיצונג.

אזוי שמועסנדיג מיט אים, האט ער זיך אנגערופן צו מיר און געזאגט, "ווייסט? איך האב א ריזיגע שורה, פון דא ביז איך ווייס נישט וואו, מיט מענטשן וואס זוכן א דזשאב ביי מיר. זיי זענען אהערגעקומען פאר דיר צו רעדן מיט מיר, און אסאך וואלטן טאקע געקענט זיין א גוטער קאנדידאט צו ארבעטן דא, אבער איך ווייס נישט פארוואס עפעס עס ציט מיר דיך צו נעמען פאר דער שטעלע. ווי-נאר דו ביסט גרייט דערפאר, זאלסטו אהערקומען ארבעטן, מען וועט עס מאכן געשען..."

איך בין טאקע אריין ביי דעם איד ארבעטן, און איך בין שוין דארט א פאר וואכן. איך בין זיך מחי' אויף דער שטעלע, און מען האט ב"ה הנאה פון מיין ארבעט. ער ווייסט נישט פארוואס עס האט אים געצויגן מיך צו נעמען פאר אן ארבעטער, אבער איך ווייס דעם סוד. אז מען איז זיך מחזק אין מצות ברכת המזון, האבן די שערי פרנסה זיך געעפנט ברייט!

נאך אן אינטערסאנטע זאך האב איך געזען: זינט די קוואליטעט פון ברכת המזון האט זיך ביי מיר געהויבן, האב איך ערהאלטן אסאך פארשלאגן פון פיינע זייטיגע ארבעט. עס זעט מיר פשוט אויס ווי די ברכות פון ברכת המזון לויפן מיר נאך...

איך בין עס מפרסם דא, ווי איך האב זיך פארגענומען צו טון, און זאלן אנדערע אידן אויך נתעורר ווערן און זיך באקענען מיט דער הייליגער סגולה פון מצות ברכת המזון און נטילת ידים און אויך געהאלפן ווערן מיט גוטע השפעות. ■

המשך פון עמוד א'

**תשובה:** זיי דארפן זיך נישט וואשן מים אחרונים, אבער דארפן זיכער מאכן אז די הענט זענען ריין און נישט פארשמוצט פונעם עסן.

### מים אחרונים נאכ'ן בענטשן

**שאלה: עס האט זיך געמאכט אז איך האב נישט געקענט טרעפן קיין מים אחרונים זיך צו וואשן נאך דער סעודה. צי איז דא עפעס אן ענין זיך צו וואשן מים אחרונים נאכ'ן בענטשן אויב מען האט זיך נישט געוואשן פריער?**

**תשובה:** בדיעבד, אויב מען האט זיך נישט געוואשן מים אחרונים פאר'ן בענטשן, זאל מען זיך וואשן מים אחרונים נאכדעם.

### אויב מ'האט נישט אראפגענומען דעם מעסער פון טיש

**שאלה: אויב מען כאפט זיך אינמיטן בענטשן אז מען האט נישט אראפגענומען דעם מעסער פון טיש, זאל מען עס דעמאלט אראפנעמען אדער צודעקן?**

**תשובה:** מען זאל עס דעמאלט צודעקן.

איר קענט אנפרעגן אייער שאלה בעניני נטילת ידים וברכת המזון דורכן אריינרופן צו די מערכת

**718.407.1772**

נפסק ע"י הרב הגאון ר' נחום צבי מאיר ראזענפעלד שליט"א מו"ץ בשיכון סקווירא, ובעל הליכות החיים

הגליון מוקדש
לע"נ איש היקר באנשים
מוה"ר **משה שמעון** ז"ל
בן יבלחט"א מוהר"ר
**שרגא פייביל הלוי** הי"ו
תנצב"ה

עסט געזונט, בענטשט מיט כוונה.
carbOlicious
Low carb tasty treats

פאר הערות והארות, סיפורי ישועה, ווי אויך צו באקומען די גליון אין אימעיל, פארבינדט אייך מיט די מערכת:
718.407.1772
contact@uveirachtu.org

Uveirachtu
199 Lee Ave. #377
Brooklyn N.Y. 11211